**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/6/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט פארענדיגונג פון אפאָרדעבעל האוזינג דעוועלאפמענט מיט 40 יוּניטס און מיט אויסגעמישטע באנוצן אין פרענקלין קאונטי**

***Harison Place ערזעצט פייער-געשעדיגטע געביידע אין ווילעדזש אָוו מעלאָון מיט 40 אפאָרדעבעל און שטיצנדע אפארטמענטס און קאמערציעלע פלאץ***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די פארענדיגונג פון Harison Place, אן אפאָרדעבעל און שטיצנדע האוזינג דעוועלאפמענט מיט 40 אפארטמענטס און קאמערציעלע פלאץ וואס ערזעצט א שורה פון חרוב'ע געביידעס אין די הארץ פון די שטאט-צענטער פון מעלאָון אין פרענקלין קאונטי.

"מיט יעדע נייע אינוועסטירונג וואס די סטעיט מאכט אין האוזינג, טוהען מיר זיכער מאכן אז קאמיוניטיס זענען סטאביל און אפאָרדעבעל פאר ניו יארקע פאמיליעס", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "זייענדיג סערטיפייד אלס א 'האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטי', האט די ווילעדזש אָוו מעלאָון סיגנאלירט איר פארפליכטונג צו פארגרעסערן די צאל הייזער אויפן מארקעט, און Harison Place איז א שיינענדע ביישפיל פון וויאזוי מיר קענען זיך צוזאמשטעלן מיט אונזערע לאקאלע שותפים צו שאפן די מאדערנע, שטאנדהאפטיגע און אפאָרדעבעל היימער וואס ניו יארקער דארפן."

אין די לעצטע פינף יאר האט די ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל ( Homes and Community Renewal, HCR) אויפגעבויט אדער פרעזערווירט איבער 2,000 אפאָרדעבעל היימער אין די נארט קאנטרי. Harison Place זעצט פאר די אונטערנעמונג און איז טייל פון גאווערנער האקול'ס 25 ביליאן דאלארדיגע ברייטע האוזינג פלאן וואס וועט אויפבויען אדער פרעזערווירן 100,000 היימער פאר צוגענגליכע פרייזן אריבער ניו יארק, אריינרעכענענדיג 10,000 מיט שטיצע סערוויסעס פאר שוואכערע באפעלקערונגען, און אויך דאס אריבערפירן נאך 50,000 היימער צו נוצן עלעקטריציטעט.

Harison Place איז דעוועלאפּט געווארן דורך Citizen Advocates און דורך 3d Development Group, LLC, און עס האט אריינגענומען דאס אראפּווארפן א סטרוקטור וואס איז געשעדיגט געווארן פון פייער צוזאמען מיט דערנעבנדע אומבאנוצטע געביידעס, נאכגעפאלגט מיט די פרישע קאנסטרוקציע פון א פיר-שטאקיגע אפּארטמענט געביידע דעזיינט צו ערגענצן די ווילעדזש'ס ארומיגע היסטארישע ארכיטעקטור. די קאמערציעלע פלאץ אויף די אונטערשטע שטאק איז צוטיילט אין פינף יוּניטס צו גענוצט ווערן דורך לאקאלע וואוילטעטיגע און רעגירונג ארגאניזאציעס.

אלע אפארטמענטס זענען גענוג ביליג פאר הויזגעזינדער וואס פארדינען 60 פראצענט אדער ווייניגער פון די ארטיגע מיטלגארטיגע איינקונפט. צוואנציג פון די אפּארטמענטס רעכענען אריין גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס און דזשאב טרענירונג דורך Citizen Advocates, אויסגעצאלט דורך די עמפייער סטעיט שטיצנדע האוזינג איניציאטיוו (Empire State Supportive Housing Initiative, ESSHI) און פארטיילט דורך די ניו יארק סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט (Office of Mental Health).

די געביידע איז דעזיינט צו נאכקומען די קריטעריאנען פון די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט'ס ( New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA) 'נייע קאנסטרוקציע האוזינג פראגראם' (New Construction Housing Program). ענווייראמענט-פריינטליכע אייגנשאפטן רעכענען אריין ENERGY STAR אפּלייענסעס און צוויי עלעקטרישע קאר טשארדזשינג סטאנציעס. איינוואוינער האבן אויך צוטריט צו אומזיסטע אינטערנעט, גרינע שטח, א שפיל ארט, מאשינען צו וואשן וועש און א קאמיוניטי צימער.

סטעיט פינאנצירונג רעכנט אריין 7.8 מיליאן דאלאר אין נידעריגע איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיטס און 3.8 מיליאן דאלאר אין סאָבסידיס פון ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל. עמפּייער סטעיט דעוועלאפּמענט האט צוגעשטעלט $445,000 רעקאמענדירט דורך די נארט קאנטרי ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל (Regional Economic Development Council, REDC), און NYSERDA האט צוגעשטעלטע $40,000 אין שטיצע. די ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאבילעטי הילף (Office of Temporary and Disability Assistance, OTDA) האט צוגעשטעלט 4.8 מיליאן דאלאר דורך דעם היימלאזע האוזינג און הילף פראגראם ( Homeless Housing Assistance Program).

די אפיס פון גייסטישע געזונטהייט שטעלט צו $500,000 יערליך אין אפעראציע פינאנצירונג פון ESSHI און אזוי אויך $108,576 אין פראגראם אנטוויקלונג גרענט (Program Development Grant) פינאנצירונג צו דעקן די ערשטיגע קאסטן פאר די 12 יוּניטס וואס זענען פאר מענטשן וואס לעבן מיט גייסטישע קראנקהייטן.

Citizen Advocates האט צוגעשטעלט 4 מיליאן דאלאר צו פינאנצירן דעם פראיעקט, און די פעדעראלע היים הלוואות באנק (Federal Home Loan Bank) האט צוגעשטעלט $600,000.

**סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל קאמישאנער רוט-ען וויסנאָסקעס האט געזאגט,** "דורכן ערזעצן חרוב'ע געביידעס מיט 40 אפּאַרדעבעל און שטיצנדע אפּארטמענטס פון א הויכע קוואליטעט, וועט Harison Place האבן א טראנספארמאטיווע השפעה אויף די שטאט-צענטער פון מעלאָון. דאס איז געווי די סארט דעוועלאפּמענט אין וועלכע HCR איז פארפליכטעט צו אינוועסטירן, ווייל אזעלכע אפּאַרדעבעל, שטיצנדע, ענערגיע-שפּארזאמע פראיעקטן וועלן בענעפיטירן איינוואוינער, די קאמיוניטי און די גאנצע סטעיט פאר צענדליגע יארן אין די צוקונפט. א דאנק פאר גאווערנער האקול און אונזערע שותפים ביי Citizen Advocates און 3d Development פארן צושטעלן די היימער און זיכערהייט וואס די נארט קאנטרי דארף."

**עמפּייער סטעיט דעוועלאפּמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָופ נייט, האט געזאגט,** "דער פראיעקט, וואס איז געבויט געווארן מיט א קאנצענטראציע אויף ענווייראמענט-שטאנדהאפטיגקייט, האט טראנספארמירט חרוב'ע געביידעס אין די קאמיוניטי צו ווערן מאדערנע פראפּערטיס מיט אויסגעמישטע באנוצן וואס וועלן אפפערן שטיצנדע האוזינג געלעגנהייטן און סערוויסעס פאר וועלכע די פארלאנג איז גרויס פאר נויטבאדערפטיגע מענטשן. עמפּייער סטעיט דעוועלאפּמענט איז שטאלץ צו האבן געשפילט א ראלע אין די דעוועלאפּמענט."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאבילעטי הילף קאמישאנער, בארבארע סי. גווין, האט געזאגט,** "די עפענונג פון Harison Place אין די שטאט-צענטער פון מעלאָון שאפט גאר-נויטיגע זיכערע און אפּאַרדעבעל האוזינג פאר פרענקלין קאונטי איינוואוינער וואס גייען אריבער היימלאזיגקייט, בשעת'ן זיי גיבן דירעקטע צוטריט צו די וועזנטליכע שטיצע סערוויסעס וואס זיי דארפן צו קענען ערגרייכן און אנהאלטן סטאבילע לעבנס אין זייער קאמיוניטי. מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנער האקול'ס שטארקע

שטיצע פאר די OTDA'ס היימלאזע האוזינג און הילף פראגראם און איר פעלזן-פעסטע איבערגעגעבנקייט צו אויסברייטערן די סופליי פון פערמאנענטע שטיצנדע האוזינג פאר וואקלדיגע ניו יארקער."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט קאמישאנער, דר. ען סאָליוועז, האט געזאגט,** "א דאנק גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו שטיצן האוזינג, קענען טויזנטע מענטשן און פאמיליעס אריבער אונזער סטעיט לעבן זעלבסטשטענדיגערהייט אזוי ווי זיי זעצן פאר זייער ערהוילונג פון גייסטישע קראנקהייט אדער דראג באנוץ קראנקהייט. די שטיצנדע האוזינג אפּארטמענטס אין Harison Place שטעלן צו זיכערע און סטאבילע היימער מיט די סערוויסעס וואס די איינוואוינער דארפן צו לעבן ערפאלגרייך אין זייער אייגענע קאמיוניטי, און די נארוואס אויפגעבויטע געביידע איז א הערליכע צוגאב פאר די שטאט-צענטער פון מעלאָון."

**אסעמבלי מיטגליד בילי דזשאָונס האט געזאגט,** "נאך פיל ערווארטונג, איז Harison Place אין מעלאָון אפן! צופיל נארט קאנטרי איינוואוינער מוטשענען זיך צו טרעפן צופרידנשטעלנדע האוזינג, און די נייע האוזינג דעוועלאפמענט וועט העלפן אדרעסירן דעם לאקאלן האוזינג קריזיס. איך וויל באדאנקען Citizen Advocates פארן נעמען די לייצעס פון דעם וויכטיגן פראיעקט און פארן העלפן אויפלעבן די מעלאָון קאמיוניטי. דאס איז א געוואלדיגע ביישפיל פון וויאזוי די לאקאלע קאמיוניטי און סטעיט קענען ארבעטן צוזאמען אויף האוזינג און אויף שטאט-צענטער איבערבויאונג, און איך קוק ארויס צו שטיצן מער פראיעקטן ווי Harison Place אין די נארט קאנטרי."

**סטעיט סענאטאר דען סטעק האט געזאגט,** "אויסברייטערן אפּאָרדעבעל האוזינג אפציעס אין אונזער ראיאן איז אן ערנסטע אנגעלעגנהייט. Harison Place וועט גיבן א גרויסארטיגע שטופ אויף ארויף פאר די באמיאונגען, און אזוי אויך וועט עס אפפערן עקאנאמישע אנטוויקלונג געלעגנהייטן. איך בין פרייליך אז עס איז יעצט אפיציעל אפן, און איך קוק עס צו זעהן פארבעסערנדיג די קוואליטעט פון לעבן אין מעלאָון."

**פרענקלין קאונטי לעגיסלאטור טשעיר, עדווארט לאַקוואוד, האט געזאגט,** "עס איז באגייסטערנד צו זעהן די פאזיטיווע טראנספארמאציע פון Main Street אין די ווילעדזש אָוו מעלאָון. פראיעקטן פון די סארט טוהען נישט נאר באררייכערן די פיזישע אויסקוק פון די געסער, נאר זיי טוהען אויך ביישטייערן צו די אלגעמיינע וואוילזיין פון די איינוואוינער. מיר זענען גאר דאנקבאר פאר די צוזאמענארבעט צווישן פארשידענע פארמישטע קערפערשאפטן, אריינרעכענענדיג Citizen Advocates, סטעיט קערפערשאפטן און פריוואטע שותפים, זיך צוזאמקומענדיג צו מאכן אזעלכע פאזיטיווע ענדערונגען פאר א מעגליכקייט. די אויפלעבונג אונטערנעמונג טוט נישט נאר פארבעסערן די שיינקייט פון די געגנט, נאר עס שטעלט אויך צו גאר-נויטיגע האוזינג אפציעס — א זאך וואס איז אומשאצבאר פאר די קאמיוניטי'ס וואוקס און בליאונג."

**מעלאָון מעיאר ענדריע דומאס האט געזאגט,** "אלס די מעיאר פון מעלאָון, איז דאס מיר א פארגעניגן צו פייערן די פייערליכע עפענונג פון די דעוועלאפמענט מיט 40 יוניטס מיט אויסגעמישטע באנוצן, מיט אריינגעבויטע שטיצנדע האוזינג און א REDC פריאריטעט פראיעקט. די טראנספארמאטיווע איבערבויאונג אונטערנעמונג – ערמעגליכט דורך די צוזאמענארבעט צווישן פארשידענע סטעיט און לאקאלע אגענטורן – איז עדות איבער אונזער קאמיוניטי'ס פארפליכטונג צו שאפן פאזיטיווע טויש און אדרעסירן קריטישע האוזינג באדערפענישן."

**פרעזידענט און CEO פון NYSERDA, דאָרין מ. העריס, האט געזאגט,** "מיט די פארענדיגונג פון Harison Place, וועלן פרענקלין קאונטי איינוואוינער יעצט האבן מער צוטריט צו אפּאָרדעבעל און מאדערנע האוזינג וואס איז נישט נאר באקוועם נאר בויט אויך אריין גאר ווירקזאמע 'קאנדענסינג בוילערס', ווענטילאציע וואס כאפט אפ ענערגיע און ENERGY STAR אפלייענסעס אין יעדע

יוניט. NYSERDA איז פארפליכטעט צו רעדוצירן שעדליכע עמיסיעס, בשעת'ן זיכער מאכן אז אלע ניו יארקער בענעפיטירן פון די אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע, אזוי ווי מיר שטופן פאראויס גאווערנער האקול'ס ציהל צו אנקומען צו צוויי מיליאן קלימאט-פריינטליכע היימער ביז 2030."

**Citizen Advocates פרעזידענט און CEO, דזשעימס באָטאן, האט געזאגט,** "איך וויל אויך אויסדרוקן מיין הערצליכע דאנק פאר אונזער געשעצטע גאווערנער און פאר ניו יארק סטעיט פאר זייער האוזינג-שטיצנדע שטאנד. אונזערע סטעיט שותפים'ס אינוועסטירונג אין דעם חזון האבן געמאכט אונזער פראיעקט פאר א מעגליכקייט, און עס וועט בענעפיטירן די קאמיוניטי פאר פילע קומענדיגע דורות. Harison Place איז נישט בלויז א האוזינג דעוועלאפמענט, נאר עס איז א סימבאל פון האפענונג, געלעגנהייט און די גרעניצלאזע פאטענציאל פון א פאראייניגטע קאמיוניטי. אזוי ווי מיר לאזן זיך ארויס אויף די נייע קאפיטל, לאמיר שטרעבן פאר א צוקונפט וואו יעדע קאמיוניטי האט א בליהענדע שטאט-צענטער און יעדע מיטגליד פון אונזער קאמיוניטי האט א פלאץ צו פאררופן זייער היים."

**3d Development Group, LLC פרעזידענט, ברוּס לעווין, האט געזאגט,** "Harison Place איז געווען א 7-יאריגע צוזאמענארבעט פון אן איבערגעגעבענע און מיסיע-געטריבענע מאנשאפט. Citizen Advocates, אונטער די פירערשאפט פון פרעזידענט און CEO דזשעימס באָטאן, האט געוואלט גיין נאך ווייטער פון בלויז האוזינג און אהערשטעלן אן אטמאספערע וואו מענטשן קענען בליהען. די Harison Place געביידע איז א דערמאנונג פון מעלאָון'ס היסטארישע באדייט אין די נארט קאנטרי. דאס איז ערמעגליכט געווארן דורך גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו האוזינג פאר אלע ניו יארקער און דורך די הילפס-מיטלען וואס זענען צוגעשטעלט געווארן דורך האָמס ענד קאמיוניטי רינוּעל, די אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף און עמפּייער סטעיט דעוועלאפמענט. די מאנשאפט פון 3d Development Group, Celia Construction און ארכיטעקט מארק א. קאַרוּסאָו זענען שטאלץ זיך צו האבן באטייליגט אין די שותפות צווישן רעגירונג און פריוואטע קערפערשאפטן."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן